בעז"ה

# מַחשבוֹת

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת אחו"ק | גליון קמג שנה ח

בהוצאת
ע"י מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א



# ווִיפיל איז דאס טאקע ווערט?

"ושמרתם את חקותי ואת משפטי, אשר יעשה אותם האדם וחי בהם אני ה'" זאגט רש"י: "וחי בהם לעולם הבא שאם תאמר בעולם הזה והלא סופו הוא מת", רש"י ערקלערט אז "וחי בהם" מיינט נישט לעבן אין עולם הזה נאר ס'מיינט די לעבן אין עולם הבא, אויף דער וועלט זאגט רש"י קען מען נישט באצאלן אויף א מצוה ווייל א שכר מצוה איז א נצחיות'דיגע זאך און דער וועלט ענדיגט זיך, דער מענטש שטארבט, וממילא קען דאס נישט ווערן באצאלט דא אין עולם הזה.

ס'איז אזוי ווי א מענטש וועט אריין גיין אין א קליינע קיוסק מיט א שטיק גאלד, און ער וועט וועלן קויפן מיט דעם א טרינק, די גאלד איז טאקע ווערט זייער אסאך געלט אבער דער פארקויפער וועט אים נישט געבן צו טרינקען, ווייל די גאלד איז צו טייער פאר אים און ס'איז נישט די סארט געלט וואס ער פארקויפט פאר דעם, ער קען דאס נישט באניצן און ער קען אויך נישט געבן רעשט פון דעם, דער שכר וואס מ'באקומט אויף א מצוה איז אזוי גרויס אז מ'קען דאס נישט אויסניצן אין אזא קליינע פלאץ אזוי ווי עולם הזה, וועגן דעם זאגט טאקע די גמרא "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" א שכר פון א מצוה איז נישט אויף דער וועלט.

איז דאס טאקע אזוי? קען מען טאקע נישט באצאלן א שכר פון א מצוה אויף דער וועלט?

די גמרא אין עירובין זאגט אויף דעם פסוק "ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו" אז דער אייבישטער געבט פאר דעם רשע שכר אויף דער וועלט כדי צו אים מאכן פארלירען זיין עולם הבא, דאס הייסט אז ס'איז יא מעגליך צו באצאלן און אונזער וועלט אויף א מצוה? דאס הייסט אויך אז מ'קען יא באצאלן פאר א מצוה אויף דער וועלט?

און אויב ס'איז טאקע אזוי שטעלט זיך נאך א קשיה, אין אזא מצב וואלטן אלע רשעים געמוזט זיין גרויסע גבירים, און האבן זייער א גוטע לעבן, ווייל יעדע מצוה איז דאך זייער טייער אין אויב דער רשע האט איין טאג געדאווענט וואלט ער שוין געדארפט זיין א מיליאנער? ווער רעדט נאך אויב ער איז איין מאל געזעצן ביי א שיעור תורה, אדער אמאל געגעבן א פרוטה פאר צדקה, און אין די מציאות זעהן מיר דאך אז ס'איז גארנישט אזוי?

נאך א נקודה דארף מען פארשטיין די גמרא אין חולין דערציילט "מעשה באחד ששחט וקדם חבירו וכסה וחייבו רבן גמליאל ליתן לו עשרה זהובים", - ס'איז דא א מצוה פון כסוי הדם צו צו דעקן די בלוט פון די עוף וואס מען שעכט, דאס איז א מצוה וואס געהערט פאר'ן שוחט. ס'איז געווען א מעשה מיט א יוד וואס האט געשחט'ן און זיין חבר האט דאס געזעהן האט ער שנעל צו געדעקט די בלוט און אים אוועק גענומען די מצוה, איז מען געגאנגען צו א דין תורה צו רבן גמליאל און רבן גמליאל האט געפסק'נט אז ער מוז אים באצאלן צעהן זהובים.

פון דא זעהט מען אז א מצוה קען מען יא באצאלן אויף דער וועלט? און נישט נאר אז מ'קען עס באצאלן ס'האט אויך א פרייז און נישט אזוי טייער בלויז צעהן זהובים, ווי אזוי שטימט עס מיט וואס מיר האבן פריהער געזעהן?

*

ר' משה איז אריין געקומען צום אפטער רב זייער צובראכן, ער האלט פאר א חתונה פון זיין טאכטער ער האט צו געזאגט א נדן און ער האט געמיינט אז ער וועט עס קענען באצאלן, אבער די געשעפטן זענען נישט געגאנגען אזוי ווי ער האט געמיינט און יעצט שטייט ער פאר א גרויסע פראבלעם, ער מוז אויס צאלן די נדן מיט די חתונה און ער האט נישט די געלט.

וויפיל געלט דארפסטו פאר די חתונה? פרעגט דער



# דבר העורך

אין פרשת יתרו ביי קבלת התורה אויף דעם פסוק "וירד משה מן ההר אל העם" זאגט רש"י "מלמד שלא היה פונה לעסקיו" משה רבינו איז נישט געגאנגען צו זיינע געשעפטן נאר ער איז געגאנגען צו די פאלק זיי איבער געבן וואס דער אייביטשער האט אים געהייסן.

אסאך מפרשים ווינדערן זיך, וועלכע געשעפטן האט משה רבינו געהאט? אז מ'דארף שרייבן א פסוק אז ער איז נישט געגאנגען צו זיינע געשעפטן?

נאר – ס'שטייט פון צדיקים – אז מ'מוז זאגן אז משה רבינו האט יא געהאט געשעפטן, אבער וואס זענען געווען זיינע געשעפטן? עבודת השם, משה רבינו האט געהאט הויכע און גרויסע השגות אין עבודת השם וואס אונז קענען גארנישט פארשטיין, און אנשטאט משה רבינו זאל גיין צו זיינע געשעפטן און זיך דערהייבן מיט זיינע גרויסע הייליגע מדרגות אין עבודה, האט ער זיך אראפ געלאזט פון זיינע הויעכקייט און "וירד משה" ער איז אראפ צום פאלק און גערעדט מיט זיי די פשוט'ע דיבורים וואס דער אייבישטער האט אים געהייסן.

פארוואס? ווייל אין יענע מינוט און אין יענע צייט איז דאס געווען די מצוה צו טוהן, יעדע צייט האט זיך זיין מצוה וואס ס'פאסט פאר יענע מינוט, און מ'קען נישט ארויף קריכן מדרגות ווען דער תפקיד איז צו אויס לערנען די מצוות פאר כלל ישראל.

און אונזערע טעג האבן אונז די געלעגנהייט און דער חיוב צו מקיים זיין מצוות וואס מ'האט נישט יעדע מאל די געלעגנהייט מקיים צו זיין.

מיט יעדע מינוט וואס מיר זיצן אינדערהיים זענען מיר מקיים ניין מצוות:

א. "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם".

ב. "ואהבת לרעך כמוך"

ג. "וחי בהם"

ד. "כבד את אביך ואת אמך"

ה. "מפני שיבה תקום"

ו. "לא תרצח"

ז. "לא תשים דמים בביתך"

ח. "לפני עיוור לא תתן מכשול".

ט. "ולא תעמוד על דם רעך"

מ'דארף נאר געדענקען אינזינען צו האבן אז מיר זיצן אין שטוב "לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכנתיה" מקיים צו זיין די מצוות וואס א טייל פון זיי האבן מיר נאך קיינמאל נישט געהאט די געלעגנהייטן מקיים צו זיין.

אזוי ווי משה רבינו וואס איז נישט געגאנגען "לעסקיו" צו די מצוות וואס ער האט געוואלט, צו די מצוות וואס ער איז געווען צו געוואוינט צו מאכן, און ברענגען אים א געשמאק, נאר ער האט געמאכט וואס מ'דארף און נישט וואס מ'וויל, אזוי אויך לאמיר אויסניצן די געלגענהייט צו די זעלטענע מצוות וואס איז חובת השעה אויך ווען ס'קומט אויפ'ן חשבון פון די באקאנטע און באקוועמע מצוות וואס מיר זענען צו געוואוינט.

יה"ר ס'זאל שוין מקויים ווערן "מנע מגפה מנחלתך" און מיר זאל'ן זיך קענען צוריק מיט פרייען איינער מיט'ן צוויטן מתוך שמחה וטוב לבב.

**א גוטן שבת**

מכון מחשבת החינוך
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א

דרכי חינוך הבית
07341 479 294

דער ספיציעלער טלעפאנישער
חינוך קורס

ווי אזוי אויף צו בויען
א גוטע קשר צווישן די עלטערן מיט די קינדער
ווי אזוי אריין צו ברענגען
א ווארימע אטמאספער אינדערהיים
ווי אזוי צו היטן
א ריכטיגע מסגרת אין יעדער מצב

דורך המחנך הרה"ג ר' שלמה טייטלבוים שליט"א

צוליב דער יעצטיגער מצב וואס מיר זענען אלע אינדערהיים מיט די קינדער

א ספיציעלע פרייז אנשטאט £300
בלויז 120£

רבי

טויזענט רובל

און וויפיל האסטו?

איין רובל - ענטפערט ר' משה מיט א צובראכענע שטימע.

דער רבי האט זיך פארטראכט א פאר מינוט, און געזאגט, פאהר געזונטערהייט און די ערשטע געשעפט וואס ס'וועט דיר אריין פאלן זאלסטו טוהן, און דער אייבישטער וועט דיר שיקן הצלחה, דער רבי האט זיך געזעגנט פון אים, און נאך א מינוט האט ער זיך געטרעפן אינדערויסן.

וועלכע געשעפט קען איך שוין מאכן מיט איין רובל - טראכט ר' משה ביי זיך - אבער אז דער רבי האט געזאגט מסתמא ווייסט ער וואס ער רעדט, לאמיר ארויס גיין אויפ'ן וועג און דער אייבישטער וועט העלפן.

ר' משה איז ארויס אויפ'ן וועג אהיים, אפאר שעה איז ער געגאנגען צו פיס, פאר נאכטס האט ער זיך אפ געשטעלט ביי א יידישע קרעטשמע, צו איבערנעכטיגן, ער זיצט אין קרעטשמע און טרינקט זיך א גלאז טיי זיך צו אנווארעמען און ער באמערקט אז נישט ווייט פון אים זיצן א גרופע פון סוחרים רעדן ביזנעס און פארברענגען מיט געשמאק.

אויף דעם טיש איז געלעגן א פאר דיאמאנטן און די סוחרים האבן דאס אנגעקוקט און זיך געדינגען איבער דעם, ס'איז אים געווען אינטערעסאנט איז ער אויף געשטאנען און זיך דערנענטערט צו זייער טיש.

וואס קוקסטו אזוי שטארק, אפשר ווילסטו קויפען עפעס? - רופט זיך אן איינער פון די סוחרים.

די ערשטע מינוט האט ער געוואלט זאגן אז נישט, אבער ער האט זיך דערמאנט אין די רבי'ס ווערטער.

יא, איך בין אינטערעסירט צו קויפן - האט ער געענטפערט.

וויפיל געלד האסטו? - האבן אים די סוחרים געפרעגט.

איין רובל!

זיי האבן אויס געפלאצט אין א הויכע געלעכטער, און זיך נישט געקענט בארוהיגן א לאנגע צייט, מיט איין רובל וויל ער קויפן א דיאמאנט.

איך האב עפעס פאר דיר - רופט זיך אן מיט א געלעכטער איינער פון די סוחרים - איך האב עפעס וואס איך קען דיר פארקויפן פאר איין רובל.

וואס? - פרעגט ר' משה.

מיין עולם הבא - ענטפערט דער סוחר מיט א געלעכטער.

איך בין אינטערעסירט דאס צו קויפן - רופט אויס ר' משה - אבער איך וויל עס מאכן מיט א ריכטיגע שטר ווי ס'דארף צו זיין.

זיי האבן זיך געזעצט צום טיש, איינער האט ארויס גענומען א פעדער דער צווייטער א פאפיר, און מ'האט צו געגרייט א שטר כדת וכדין, אז בערל דער סוחר פארקויפט פאר משה דער בטלן זיין חלק אין עולם הבא פאר איין רובל.ביידע צדדים האבן אונטער געשריבן און צוויי סוחרים זענען געווען עדים, דער עולם האט געטרינקען לחיים, ר' משה האט באקומען דעם שטר און באצאהלט זיין רובל, דער עולם איז געווען פריילעך און לעבעדיג און נישט געענדיקט צו לאכן פון דעם בטלן וואס האט אוועק געגעבן זיין לעצטע רובל פאר א שטיקל פאפיר.

און יענע מינוט איז אריין געקומען די פרוי פון דעם סוחר, זי זעהט די גרויסע שמחה און לעבעדיקייט.

וואס איז די גרויסע שמחה? - פרעגט זי איהר מאן.

דו זעהסט דעם בטלן דארט? - ענטפערט ער מיט א שמייכל - איך האב מיט אים געמאכט א גוט געשעפט.

וואס פאר א געשעפט? - פרעגט זי.

ער האט מיר יעצט באצאלט זיין לעצטע רובל, פאר א שטיקל פאפיר.

וואס הייסט?

איך האב אים פארקויפט מיין חלק אין עולם הבא, פאר זיין לעצטע רובל - ענטפערט בערל דער סוחר מיט א הויכע געלעכטער.

וואס? דיין ביסל עולם הבא וואס דו האסט שוין געהאט האסטו אויך פארקויפט? אלעס פאר א ביסל געלט?! יעצט ביסטו דאך ממש ווי א גוי, איך וויל נישט לעבן מיט א גוי, לאמיר יעצט די מינוט גיין אין בית דין, איך גיי נישט לעבן מיט א גוי אפילו איין מינוט. - האט זי אויסגערופן מיט א בייזקייט.

אבער ס'איז געווען נאר א וויץ - האט זיך בערל דער סוחר פארבירט צו פארענטפערן - ס'איז גארנישט א ערנסטע זאך געווען.

א וויץ?! איז וואס איז דער שטר וואס דו האסט אונטערגעשריבן? - האט זי געשריגן - דאס איז א ריכטיגע געשעפט און איך וויל נישט לעבן מיט א מענטש וואס האט נישט עולם הבא, קום יעצט צום רב!

דו מצב איז געווארן אנגעצויגן בערל האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ווי קריכט מען ארויס פון דעם בראך.

איינער פון די סוחרים וואס האט געוואלט ראטעווען דעם מצב, איז צו געגאנגען צו ר' משה ער זאל צוריק ציהען פון די געשעפט, אבער ר' משה האט נישט מסכים געווען.

ווייסט דאך ר' משה - איז בערל צו געקומען צו אים - אז די גאנצע זאך פריהער איז געווען א שפיל, לאמיר צוריק דרייען דעם שפיל נעם דיר דיין רובל און געב מיר צוריק דעם פאפיר.

איך ווייס נישט פארוואס דו טראכסט אזוי - ענטפערט ר' משה - ביי מיר איז דאס א געשעפט לכל דבר, און איך דריי נישט אזוי שנעל צוריק.

איז פאר וויפיל פארקויפסטו מיר דעם פאפיר - פרעגט בערל.

פאר טויזנט רובל - ענטפערט ר' משה.

ביסט משוגע?! ס'קומט נישט אין באטראכט, האלט זיך מיט דעם פאפיר און טוה נישט קיין טובות - האט זיך אויף בערל גערעגט.

אויב אזוי גייט מען יעצט צום רב - צושרייט זיך זיין פרוי פון די אנדערע זייט - איך לעב נישט מיט א גוי פאר קיין שום געלט.

דארפסט פארשטיין - רופט זיך בערל אן צו ר' משה מיט א ווייכע שטימע - ס'איז געשעהן דא א טעות, קיינער האט דאס נישט געמיינט אזוי ערנסט, דו קענסט נישט בעטן פאר דעם טויזנט רובל, דאס איז דאך צו פיל געלט, דו צוברעכסט א יידישע שטוב, די הרג'עסט דא אוועק מיין שלום בית, נעם דיר צעהן רובל און לאמיר שליסן דעם געשעפט.

איך פארשטיי זייער גוט וואס דו זאגסט, - ענטפערט ר' משה - אבער ווייניגער פון טויזנט רובל איז נישטא פון וואס צו רעדן.

איך געב דיר הונדערט רובל.

טויזנט!

צוויי הונדערט - פראבירט בערל

טויזנט! -ענטפערט ר' משה מיט איין ווארט.

בערל האט פארשטאנען אז ער האט נישט קיין ברירה, און ער האט ארויס גענעמען פון טאש טויזנט רובל און געגעבן פאר ר' משה, ערשט דעמאלס האט אים ר' משה צוריק געגעבן דעם שטר.

בערל האט צוריסן דעם שטר מיט א גרויסע בייזקייט, פרעגענדיג ר' משה, ווער האט דיר געגעבן די עצה ארויס צו נעמען פון מיר די טויזנט רובל?

מיין רבי, דער אפטער רב, און ער האט דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פארגעקומען היינט אינדערפרי ביי זיין רבי.

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה: די קורונה צייט שלעפט זיך שוין זייער לאנג, מ'קען נישט ריכטיג ארויס גיין פון שטוב די קינדער קענען נישט גייען אין די מוסדות, מ'איז זייער פארזארגט און פאריאגט, ווי אזוי גייט מען אריבער די טעג אויף א גרינגערע אויפן?**

## תשובה:

ס'איז באקאנט די מעשה מיט א ייד וואס איז געשטאנען פאר'ן טיר ביי דער טאהש'ער רבי, דער ייד איז געווען א צובראכענער פאר צרות'ער ייד וואס איז געקומען בעטן פון דער רבי זאל אים ארויס העלפן מיט געלט, אזוי ווי ער שטייט אריין צו גיין צום רבי'ן איז אנגעקומען א יונגערמן א גביר וואס האט אויך געוואלט אריין גין צום רבי'ן, און דער גבאי האט אריין געלאזט דעם יונגען גביר פאר דער עלטערער ארעמאן.

דער ארעמאן האט זיך זייער באליידיגט, ווייל יענער האט געלט און איך נישט קומט זיך אים אריין צו גיין פריהער, איז וואס איז אז איך בין ארעם? איך בין נישט קיין מענטש? ס'האט אים זייער וויי געטוהן און ווען ער איז אריין צום רבי'ן האט ער צווישן זיינע אלע צרות אויך געקלאגט אויף דעם וואס  דער גבאי האט אים אזוי באזייטיגט.

איך וועל דיר זאגן דעם אמת - האט אים דער רבי געענטפערט - איך האב געבעטן אז דער ייד זאל אריין קומען פאר דיר, איך האב געזעהן אז דו ביסט דא און פארשטאנען פארוואס דו קומסט, איך האב אבער אויך געוואוסט אז מיין קאסע איז אויסגעליידיגט, און איך האב דיר נישט וואס צו געבן, ווען איך האב געהערט אז יענער גביר איז געקומען האב איך געבעטן מ'זאל אים אריין לאזו פריהער כדי איך זאל קענען נעמען פון אים געלט און דיר געבן א שיינע נתינה.

די מעשה ווייזט אונז זייער קלאר אז נישט די מציאות מאכט אונז אונזערע שווער אדער גרינג אין אונזערע לעבן, נאר די פשט וואס מיר געבן פאר די מציאות דאס מאכט די געפיל ווי אזוי איך זאל אננעמען די מציאות.

די מציאות איז א פאקט וואס מיר האבן אין לעבן און דאס האט דער אייבישטער אונז געגעבן און צו געשטעלט, אונז האבן אבער די בחירה ווי אזוי אפ צו טייטשן אונזער מציאות, ווי אזוי דאס אנצוקוקן און פארשטיין און לויט דעם הנאה האבן אדער זיך פלאגן מיט די מציאות וואס מיר האבן באקומען.

דער ארעמאן האט אפגעטייטשט די מציאות אלץ א זלזול אין אים און אלץ א שלעכטע זאך, וממילא האט ער זיך געשפירט שלעכט און פארשעמט פון דעם מצב, דער טייטש איז אבער געווען אינגאנצן אנדערש דער טייטש וואס דער רבי האט אים פארגעשטעלט האט אים גאר געברענגט צו א גרויסע שמחה און הכרת הטוב צום רבי'ן.

מיר לעבן אין א מציאות וואס מיר זיצן פארמאכט אין שטוב, מיר לעבן אין א מציאות וואס די וועלט האט זיך אפ געשטעלט פון זיין לויפעריי, און אונז אוועק געזעצט אויף איין פלאץ, דאס איז די מציאות און מיט דעם גייען מיר צום טיש.

יעצט האבן אונז א בחירה ווי אזוי אנצוקוקן און אפצוטייטשן די מציאות, און דאס וועט אונז גורם זיין ווי אזוי מיר זאלן זיך שפירן אין די מציאות.

בטבע הבריאה קוקט יעדער איינער אן זיין מציאות אזוי ווי ער איז צו געוואוינט אנצוקוקן די וועלט און אזוי ווי ער האט געבויעט אין זיין נפש די סקעיל פון וואס איז וויכטיגער און וואס איז ווייניגער וויכטיג אין די לעבן.

ס'איז דא איין וועג וואס מיר קענען אנקוקן אונזער מציאות אויף א אופן אז מיר זענען אזוי ווי אין תפיסה מ'קען נישט ארויס גיין אין ערגעטץ, מ'קען נישט גיין צו די ארבעט, מ'קען נישט מאכן געלט, וואס וועט זיין מיט פרנסה? און בכלל זיצן מיט די קינדער א גאנצן טאג מ'קען דאך פלאצן פון זיי, וואס בין איך געווארן א רבי? א מלמד? א טיטשער? ס'קריכט מיר אויף די נערוועז, איך קען דאס נישט אויס האלטן ס'דערשטיקט מיר.

אויב איך "וועל אויס" צו טייטשן די מציאות אויף אזא וועג וועל איך מיך טאקע שפירן דערשטיקט אינדערהיים, נערוועיז פון די קינדער און אנגעצויגן פון די מצב. ווייל די טייטש וואס איך געב פאר די מציאות, בויעט אויף וואס איך זאל שפירן לגבי די מציאות.

אבער איך בין א מענטש און א מענטש האט א בחירה און ער קען אויס וועלן ווי אזוי אנצוקוקן די מציאות און געבן פאר דעם א אנדערע פשט, א פשט וואס וועט געבן א אנדערע בליק אויף די מציאות וואס ס'שפילט זיך דא אפ.

יעדער מענטש האט ליב האלידעי און יעדער איינער האט ליב חול המועד וואס מ'קען אויף שטיין ווען מ'וויל און מ'יאגט זיך נישט אין ערגעטץ, דער אייבישטער האט אונז צו געשטעלט די לעצטע חודש א לאנגע חול המועד, אבער נישט סתם א חול המועד אפילו "אוטינגס" מוז איך נישט ארויס גיין, פשוט רוהיג און באפרייט פון יעדע התחייבות, וואס קען זיין שענער פון דעם, שוין פינף וואכן וואס מיר מוז'ן נישט ארויס גיין צו די ארבעט, און דער בעל הבית קען נישט קומען מיט טענות, שוין פינף וואכן וואס מיר קענען דאווענען אין אונזערע אייגענע צייט, איך קען דאווענען שנעלער / שטייטער אזוי ווי איך האב ליב אן קיין שום פרעשע איך מוז מיך נישט צו שטעלן צו קיינעם, איך קען זיצן רוהיג און פארברענגען מיט מיינע קינדער וויפיל צייט איך וויל, איך מוז מיך נישט יאגן און איך מוז נישט לויפן, איך האב די גאנצע צייט אוועק צו געבן פאר מיינע טייערסטע זאך וואס איך האב אויף די וועלט - מיין משפחה. ממש א בחינה פון מעין עולם הבא א "יום שכולו שבת" פינף וואכן פון מנוחה ביז דערווייל.

איז פארוואס בין איך אזוי אנגעצויגן? פארוואס לאז איך מיר נישט הנאה האבן פון די שיינע צייט וואס איך האב באקומען, פארוואס זיך איך צו אנטלויפן פון דעם?

אונז האבן זיך צו געוואוינט צו די לויפעריי און צו זיין פאריאגט עד כדי כך אז מיר ווייסן נישט ווי אזוי הנאה צו האבן פון די ריכטיגע

זאך, פון אונזערע משפחה און פון אונזערע קינדער.

און אפשר איז דאס טאקע די מטרה פון דער אייבישטער אונז א טובה צו טוהן און אונז צו באפרייען פון דעם שיעבוד וואס מיר האבן זיך אריין געלייגט אין דעם?

ווען דאס איז אונזערע טייטש צו די מצב, איז די געפיל אינגאנצן אנדערש, און מ'קען הנאה האבן פון די צייט, און אויף בויען אונזערע קשר מיט אונזערע משפחה און זעהן די שיינע אוצרות וואס מיר האבן אין שטוב, אזוי ווי מיר האבן געזעהן לעצטע וואך אין די פרשה אז דער אייבישטער ברענגט נגעי בתים, אז דורך דעם קען דער מענטש טרעפן די טייערע אוצרות וואס זענען באהאלטן ביי אים אינדערהיים וואס ביז יעצט האט ער נישט געוואוסט פון דעם.

מסקנת הדברים:

א. די מציאות איז א פאקט וואס דער אייבישטער האט אונז צו געשטעלט,

ב. אויב מיר ווען הנאה האבן פון דעם אדער ווערן געפאניגט פון דעם ווענט זיך נישט אין די מציאות נאר אין די טייטש וואס מיר ווען געבן פאר די מציאות.

ג. א מענטש איז א בעל בחירה און ער קען אויסוועלן ווי אזוי צו טייטשן זיין מציאות.

ממילא קומט אויס אז א מענטש קען אויס וועלן ווי אזוי צו שפירן, און דאס איז די סיבה וואס די תורה קען אונז געבן א מצוה פון "ושמחת בכל הטוב" - מ'זאל זיך פרייען מיט די גוטע זאכן ווייל דאס איז אין אונזערע הענט.

## המשך מעמוד ב'

אויב דער רבי האט געזאגט אז מיט די ערשטע געשעפט וואס איך וועל מאכן וועל איך מצליח זיין האב איך פארשטאנען אז פון דעם געשעפט מוז איך ארויס נעמען א טויזנטער און נישט ווייניגער - האט ר' משה ערקלערט.

אויב אזוי וויל איך פארן צום רבי'ן - האט זיך די פרוי אנגערופן - איך מוז קענען אזא רבי, און פון אזא רבי נעמען א ברכה.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן, האט די פרוי געזאגט רבי איך האב א שאלה, איז די עולם הבא פון מיין מאן ווערט טויזנט רובל אדער נישט?

די אמת איז - האט איהר דער אפטער רב געענטפערט - אז ווען דיין מאן האט פארקויפט זיין עולם הבא פאר איין רובל, איז דאס געווען צו א טייערע פרייז, ס'איז נישט געווען ווערט אזוי פיל, אבער נאך ווען ער האט ארויס גענומען פון טאש טויזנט רובל און געהאלפן מיט דעם א ייד חתונה צו מאכן א קינד, האט ער מחשיב געווען זיין עולם הבא, און יעצט איז דאס שוין ווערט אסאך מעהר.

*

דער חפץ חיים איז מסביר אז א מצוה האט זייער א גרויסע חשיבות, און ס'איז זייער טייער, אבער וויפיל? דאס איז דער מענטש אליין מחליט, דאס הייסט אז אויב איינער הערט יעצט קדיש אין שוהל, און זיין חבר דערציילט אים אינמיטן א וויכטיגע נייעס, און פאר יענעם איז חשוב'ער די נייעס וואס זיין חבר דערציילט, האב דער מענטש אוועק געשטעלט אז דער פרייז אויף א קדיש איז ווייניגער פון א שטיקל נייעס, ער האט אליין געוויזן אז נייעס איז וויכטיגער פון א קדיש, ווייל אויב ער קען יעצט ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה" און ער גייט אנשטאט דעם ארויס אינדרויסן שמועסן האט ער אוועק געשטעלט א פרייז אז א שמועס מיט א חבר איז פאר אים טייערער פון א "אמן יהא שמיה רבה".

אבער אויב ס'פאלט אים איין צו מאכן א גוט געשעפט, און ער מאכט עס נישט ווייל וועגן דעם וועט ער פארלירען א דאווענען, ער שטיפט עס אוועק ס'זאל אים נישט צושטערן זיין שיעור תורה, האט ער אוועק געשטעלט אז דער פרייז פון זיין דאווענען און זיין לערנען איז אסאך טייערער פון א גוטע ביזנעס.

יעדער מענטש פאר זיך אליין איז מחליט ווי טייער וועט זיין זיין שכר אויף זיינע מצוות און זיינע מעשים טובים, לויט וויפיל ער איז דאס מחשיב.

אמענטש וואס מאכט זיינע מצוות לשם שמים מיט א ערליכקייט וועט ער באקומען זיין שכר נאר אין עולם הבא ווייל אזעלכע מצוות קען מען גארנישט באצאלן אויף דער וועלט, ס'איז צו פיל פאר אזא קליינע וועלט, אבער א רשע וואס האט געמאכט א מצוה קען זיכער באקומען זיין שכר אויף דער וועלט און ס'איז אויך נישט אזוי טייער, ער מוז נישט באקומען די גאנצע עולם הזה פאר דעם.

ווען דער שוחט האט מסכים געווען פאר צעהן זהובים אוועק צו געבן די מצוה און מוחל זיין, האט ער מסכים געווען אז זיינע מצוות זענען ווערט צעהן זהובים און נישט מעהר.

ווען דער סוחר האט מחליט געווען אז זיין עולם הבא איז נישט ווערט איין רובל און ער קען נאך פארדינען ווען ער וועט דאס פארקויפן פאר א רובל, איז דאס נישט געווען ווערט גארנישט, וויל ער האט אוועק געשטעלט די פרייז אויף ווייניגער פון א רובל, אבער נאך ווען ער האט באצאלט טויזנט רובל אויף זיין עולם הבא, האט ער געמאכט חשוב און טייער זיין עולם הבא, מיט זיין באצאלן האט ער געהייבן די פרייז און די ווערט פון זיין עולם הבא, דעמאלס האט עס באקומען א נייע ווערט.

ווען א מענטש מאכט זיינע מעשים טובים מיט א מטרה "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" - אויב ער מאכט עס אויף צו לעבן מיט דעם אויף דער וועלט און זיין דורך דעם א שיינער ייד און א מזרח ייד, וועט דאס זיין די ווערט פון זיין מצוה און דאס וואס ער וועט באקומען און מיט דעם וועט ער זיך אפ צאלן, אין אזא פאל איז יא דא א מעגליכקייט צו באצאלן די שכר מצוה אויף דער וועלט, ווייל דער שכר וואס דער מענטש האט אוועק געשטעלט פאר זיינע מצוות, איז א "עולם הזה'דיגע" שכר, אבער ווען דער מענטש שעצט ריכטיג זיינע מצוות און ווייסט ריכטיג זייער ווערט, אזא שכר קען מען אויף דער וועלט נישט באצאלן.

דאס איז מדוייק אין די ווערטער פון רש"י אין פסוק "וחי בהם - לעולם הבא, שאם תאמר בעולם הזה והלא סופו הוא מת" דער שכר איז פאר עולם הבא אבער "אם תאמר" אויב דו וועסט זאגן אויב דו וועסט אויס וועלן דאס צו באקומען דא, וועסטו דאס טאקע באקומען דא, אבער ס'לוינט זיך נישט ווייל מ'בלייבט נישט דא אויף אייביג.

דאס איז אויך וואס דער הייליגער אור החיים זי"ע זאגט איין פסוק פריהער "ללכת בהם" - "ירצה שלא יקוה אדם לשכר מצוות בעולם הזה" - א מענטש זאל נישט ווארטן פאר די שכר פון זיינע מצוות דא אויף דער וועלט, "שכל מה שיעשה לא יבחר לאכול עולמו בחייו, אלא ילך לפניו צדקו לחזות בנועם ה'" - א מענטש זאל נישט אויס וועלן צו עסן זיינע מצוות דא אין דער וועלט נאר ער זאל דאס איבער לאזן ס'זאל מיט קומען מיט אים אויף די ריכטיגע וועלט און באקומען די ריכטיגע ווערט פאר דעם.

דאס איז אויך וואס מיר בעטן יעדן טאג ביי ברכת המזון: "הוא יגמלנו לעד לחן ולחסד ולרחמים... ומכל טוב לעולם אל יחסרנו" מיר בעטן דער אייבישטער זאל אונז געבן אלע גוטע זאכן אבער מיר לייגן צו אז דאס זאל נישט קומען אויף די חשבון פון אונזערע מצוות, נאר "מכל טוב לעולם" פון די אלע גוט'ס וואס איז פאר אונז צו געגרייט אויבן אויף עולם הבא "אל יחסרנו" זאל גארנישט ווערן אראפ גערעכנט.


הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו



07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW